STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11544

RIKHTER

Stanislaw Wyspianski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ריכטער

א טראגעדיע

פון סטאניסלאוו וויספיאנסקי
יידיש: דניאל לייבעל

פארלאג „ארבעטער-היים" ווארשע

נאָכדרוק פֿאַרבאָטן
דאָס רעכט אויפֿצופֿירן אויף דער
בינע געהער דעם איבערזעצער.

פֿאַר אַמעריקע זענען אַלע רעכט איבער-
געגעבן דעם ה׳ ב. אָסטראָווסקי, ניו-יאָרק.
Copyright by B. Ostrowski 612
Willenghby ad Broklyn N. Y.

געזעצט אין דער זעצעריי „אַרבעטער-היים“
װאַרשע, קאַרמעליצקע 15 — געדרוקט
אין דער דרוקעריי „פֿעניקס“, גראַניטשנאַ 14

די זאַך קומט־פֿאָר אויפֿן דאָרף.

װאַנט. אַ גערױמטע קרעטשעם-שטוב מיט אַ נידעריקער געבעלקע-
טעטער סטעליע. אױסגעװײסט בלאָ, פֿאַרברודיקט, מיט אַ שװאַרצן
פּאַס בײַ דער ערד; די פּאָדלאָגע — געטרעטן לײם. אין הינטער-
גרונט, אין דער מיט װאַנט — אַ נידעריקע אײנפֿליגלדיקע טיר, װאָס
פֿירט צום פֿאָרהױז; דורכן לאַנגן טונקלען פֿאָרהױז זעט זיך
אַ צװײטע טיר, װאָס פֿירט אױפֿן קיסר-װעג. אין דער װאַנט
פֿון הינטערגרונט, אױף דער לינקער זײַט טיר — אַ גרױס געטאָפּלט
פֿענסטער, צו פֿיר שױבן פֿון שבֿנישן אַלקער, פֿאַרשטעלט פֿון
אינװײניג מיט אַ צעהאָנגענעם לײװנטענעם פֿירהענגל. אין דער
װאַנט אױף דער לינקער זײַט — די טיר פֿון דעמזעלביקן אַלקער.
די װאַנט אױף דער רעכטער זײַט מיטלטיר און די גאַנצע װאַנט
אױף דער רעכטער זײַט איז פֿאַרשטעלט פֿון שענקעלעך מיט אַ שלל
שופֿלאָדן און פּאָלקעס, װאָס זענען באַמאָלן מיט בראָנזן=פֿאַרב,
פֿאַר די שענק — אַ לאָדנטיש, באַשלאָגן מיט בלעך, מיט אַ דורכ-
גאַנג; און דער דאָזיקער גאַנצער טײל איז אַרומגעשטעלט מיט
הילצערנע גראַטעס געפֿאַרבטע אױף גרין. באַלד פֿון פֿאָרנט —
אַ קלײנע טיר צו דער קאַמער. אױף די שטאַנגען פֿון דער פֿאַר
צוימונג זענען צעהאַנגען לאָטערײ-טאָװלען פֿון בלעך, שװאַרץ=גע-
װאָרענע און פֿאַרזשאַװערטע. מיט צאָלן, פֿון קרײד געשריבן,
און אַ שילד אױף אַן אײזערן פֿיסעל. װאָס שטעלט-פֿאָר אױף

אַ ציטרין־געלן הינטערגרונט אַ שוואַרץ צווייקעפּיק אָדלער. צו דער לינקער זייט באַלד פון פאָרנט — אַ טיש, אַרומגערינגלט מיט בענק, וואָס זייערע אָנלענען האַלטן זיך אויף געטאָקטע שטאַנגען; אַלץ לאַקירט אויף גרין. אונטער דער פאַרצוימונג אַ שאַף, אַ קאַן, דייזשעס. אויף אַ שטאַנג ביי די גראַטעס הענגט אַ קיכן־לאָמפּ, וואָס באַלייכט שוואַך די גאַנצע שטוב. איבער דער טיר, וואָס פירט צום פאָרהויז — אַ שוואַרצגעוואָרענער איילדרוק־פאָרטרעט פון'ם קיסר אין זיינע יונגע יאָרן, אין אַ ווייסן או־ניפאָרם מיט אַ טונקל־רויטן פאַס איבער דער ברוסט.

שמואל

(אַ גרויסער, ברייט-פּלייציקער, אין אַ געריימער געל-בראָנזענער טשע-
סונער יופּעצע; אין סאַמעטענע נוס-פאַרבענע הויזן; אין ווייסע זאָקן,
שוואַרצע שיך מיט קלאַמערן; דער קאָפּ באַוואַקסן מיט גראָע האָר, ברוין;
דער שטערן פאַרמעט, די פּאות געגרייזעלט; אַ גרויס פיטערן היטל)

(זיצט איבער די ביכער

און שרייבט און ציילט)

יואָש

(קוקט אים אין פּנים אַריין)

(די פידל האַלט ער פאַר זיך אויפן טיש,

און אירע סטרונעס רירט ער מיט די פינגער, דורך לייכטע שטויס)

נתן

(קומט אַריין; די טיר צום טונקלען פאַרהויז בלייבט אָפן)

שמואל

(מאַכט-צו די ביכער, לייגט-צונויף די פאַרפעטשטע פּאַפּירן און קוויטעס
אין אַ קעסטל; פאַרשליסט עס מיט אַ שליסל און טראָגט'ס אַרויס
אין אַלקער)

(נאָך אַ רגע זעט מען אין פענצטער פון אַלקער, אין דער שכנישער
שטוב דעם אָנגעצונדענעם מעשענעם שבת-לייכטער)

יעודאָכע

(קומט אַריין און באַשפּריצט די ליימענע פּאָדלאָגע מיט אַ בלעכערנעם ליקל;
קערט-אויס די שטוב מיט אַ הערבע-בעזעם; דאָס קלייד אירס פאַרקאַ-
טשעט ביז איבער די קני, די אַרבל ביז איבער דעם עלנבויגן; דאָס
טיכל, וואָס איז איר איבערגעבונדן אויפן קאָפּ, פאַרשטעלט אין גאַנצן
איר שטערן און אירע אויגן)

נ ת ן

(אין א שווארצן קאַשקעט און א גראָען פאַרבלאָטיקטן כאַלאַט. אונטער וועלכן ס'זעט זיך דאָס שווארצע רעקל; די גאָלדענע קייט פונם זייגער בינדט-צונויף ביידע וועסטל-קעשענעס; די גראָע הויזן מיט שווארצע שטרייפן זענען פאַרלייגט אויף די רויטע שמירשטיוול מיט כאַליעוועס; דאָס פנים לענגלעך, שיטערלעך באַוואַקסן; די האָר שוואַרץ, געדיכט, געקרייזלט, די פאות באַהאַלטן אונטערן קאַשקעט; ער זעצט זיך אויפן טיש, דאָרט וואו ס'זענען געווען צולייגט דעם אַלטנס בילער; די פאַרבלאָטיקטע שטיוול לענט ער אָן אויף דער באַנק, די איילנבויגן האָט ער אָנגעלענט אויף די קני, דעם קאָפּ אונטערגעלענט מיט ביידע הענט און גייט נאָך יעוודאָכען מיט די אויגן)

י וֹ אָ ש

(קניענדיג אויף דער באַנק, האָט אָנגעלענט די איילנבויגן אויפן טיש און פאַרשטעלט דאָס פנים מיט ביידע הענט; אַזוי אָנגעבויגען איבער דער פידל קוקט ער אריין אין נתנ'ען מיט ברייט געעפנטע העלע אויגן; רויטע האָר מיט א גאָלד-גלאַנץ, פון הינטן צוגעדעקט מיט א שווארצער סאַמעטענער יאַרמלקע; די פאות געדרייט אין לאָקן, די הויט דורכזיכטיג ראָז און ווייס; דאָס ווייסע העמד מיט א רויטן בענדל אונטערן האַלז אין א שלייפל פאַרבונדן; די ארבל פונם העמד ניט פאַרשפיליעט, דעקן אויף דעם מאָגערן שוואַכן גוף; די צערוימטע נוספאַרבענע קורצע סאַמעטענע הויזן איבערגעוואָרפן אין א קרייץ; נאַקעטע פיסן-קנעכלעך און געשטיקטע פאַנטעפלעך אָן קלעצלעך)

י וֹ אָ שׁ

דאָס פנים ביים טאַטן ווערט מילדער,
דער רונצל, דער ריץ אויפן שטערן
פאַרשווינדט אין העלן שיין;
דעם קאָפּ מיט דער האַנט לענט ער אונטער,
פירט אָפּ פון געיעג די געדאַנקען,
און ביילט זיי צונויף דאָ צום שטערן:
ער גלעט זיך די באָרד די געדיכטע
און האָרכט. —
איך קוק אין די אויגן דעם טאַטן
און שפּיל.

רילטעו

נתן

ווי נאַריש דו ביסט נאָך.
ער ציילט די רווחים זיך איבער.

יוֹאָש

ברודער, אַ העלקייט פאַרכאַפּט מיך
און כ'זע דאַן אדורך דורכן האַרצן
און לייען דאַן אָפּ די געדאַנקען,
געקריצטע ביי אים אויפן שטערן,
און כ'ווייס, אַז זיי זענען געדעכט.
און זאָל זיך ווען, גאָט זאָל באַהיט
פאַרגנבען אַ מוטנער געדאַנק,
דערפיל איך אין האַרצן אַ שטאָך.
עס רייסט זיך דאַן איבער מיין שפילן,
דער טאַטע לויפט-אונטער פון אָרט,
אין זיינע אָרעמס נעמט ער מיך
און פרעגט: —
וואָס איז דיר? יואָש!!? געענדיקט
מיין שפיל... דאָס פידעלע שווייגט שוין.

נתן

מיינסטו, אַז גאָט רעדט צו דיר?

יוֹאָש

אַז גאָט טוט וואָרענען דורך מיר
פאַר דער שטראָף, וואָס פאַלט אַראָפּ צו שפּעט

נתן

האָסט גאָט אין אַרענדע גענומען?
דו גאָרנישט?

יוֹאָש

ער כאַפּט זיך אויף אומעטום;

אומזיסט וואלסטו אים נישט דערמאָנען,
אים וואָס וועט דיין משפט טון.

נתן

צי ביסטו אַ שופט?! ביסט בייז אויף אַ ברודער?
עס וואָלט דיך דער ברודער געלערנט
ווי ס'פירט זיך די וועלט.

יואָש

איך זע דאָך.

נתן

דאָ איז אַ וואָלף-הייל, דאָרט ריזן-מרחקים.

יואָש

און אפשר, מיין ברודער, אַ וואָלף-הייל-געווימל?

נתן

אַ גרויסע וועלט!

יואָש

ז'איז שיין?

נתן

שטעט ריזן:

יואָש

ווי ירושלם, וואָס הייליק,
אין רויך פון קרבנות געהילט.

נתן

וואָסערן גרויסע
געבונדן מיט בריקן פון שטיין.
גאַנצע וועלדער צעוויגטע פון שיפן,
הויפנס הייזער, הייף געשטאָפּלט פול,
און איבער דעם אַלעם צעוויקלטע רויכן,

וואָס דאַכטן זיך דיר פון קרבנות, —
פון די פאַבריקן, וואָס פייפן און הוזשען.
געריִיש, געשמיד פון האַמערס און געברום;
די כלי-זמרים שפּילן אָן אַן אויפהער.
עשירות, נויט און — פרייהייט און קנעכטישע קייטן.

י ו אָ ש

הייסט עס, אַז יושר איז גובר
דאָס שלעכטע, אַז גאָט טוט אָן זיינע געדענקען.

נ ת ן

יעדער טוט לעבן פאַר זיך. טוט אַליין זיך באַשיצן.
דער שוואַכערער פאַלט.

י ו אָ ש

דאָס הייסט, אַז גאָט אַליין זוכט-אויס די וואָפן
פאַרן שטאַרקערן, ווי דוד'ן אַמאָל.

נ ת ן

דוד? ברודער? כ'ווייס נביאים נייע,
גרעסערע ווי דוד.

י ו אָ ש

הייליק זענען זיי?

נ ת ן

זיי האָבן דוד'ן די האַרף אין האַנט צושפּאָלטן.

י ו אָ ש

דאַן, מיין ברודער, זענען זיי פאַרשאָלטן.

ב ע ט ל ע ר

(אין שמאַטעס פון גראָבע זעק, מיט קרעלן-קרענץ באַהאָנגען; מיט אַ לעדערנער טאָרבע; באַוואָקסן, שוואַרץ; די לאַנגע האָר באַשמירט מיט פעטס.
רעדט מיט יעוודאָכען אין פאָרהויז).

ריכטער

ניב גאָט ס'געזונט, דו קינדלעב. —
עפֿנסט דו עס מיר?

יעוודאָכע

זענט איר אפשר מיט אַ ליד געגאַנגען?
אונזער הויז, וואָס מיידט איר איצט?

בעטלער

מיט אַ לידל בין איך דאָ געגאַנגען;
בלוט און טרערן האָבן מיך באַשפּריצט.

יעוודאָכע

פֿון די אויגן טוט דאָס בלוט אייך רינען,
און די האָר פֿאַרבלוט?

בעטלער

מיך אין דרויסן וועט דער גרוב געפֿינען,
אייך — פֿון גאָט די רוט. —

שמואל

(קומט אַרויס פֿון אַלקער)

גיי אַוועק! —

(יעוודאָכע גייט אַוועק).

וואָס קנייטשסטו, שלעפּער דו,
אויף מיר אַזוי ווילד מיט די ברעמען?

(יואָש גייט אַוועק אין אַלקער; נתן גייט אַוועק דורכן פֿאַרהויז
אין פֿעלד)

בעטלער

איך קוק ווי די עקדיס ווידמען.
רעדסט, דו ווייסט דאָך מיט וועמען!...

שמואל

כ'ווייס און ווייס נישט. ווער געדענקט?
אַלטע שטיק.

ב ע ט ל ע ר

דער פֿאַרפֿלוכטער זכר קרענקט.
צוואַנציק יאָר צוריק.

ש מ ו א ל

דו ביסט דער בעל-בית?

ב ע ט ל ע ר

הייליק גורל קלעמט:
דו האָסט מיך פֿאַרטריבן אין דער פֿרעמד.

ש מ ו א ל

גייט אַוועק, — איר זענט דאָך מלא.

ב ע ט ל ע ר

כ׳טרינק פֿון ווייטיק, ביטערניש די קללה.

ש מ ו א ל

און אַ וואָלפֿן-כּעס באַ אייך אין אויג זיך שפּיגלט.

ב ע ט ל ע ר

ביסט אַפּנים פֿונם שרעק באַזיגלט.

ש מ ו א ל

אַז א י ר האָט מיר אַליין פֿאַרקויפֿט ס׳פֿאַרמעגן.

ב ע ט ל ע ר

אַז ביסט, פּראָצענטניק, מיר אין מיין געביין געלעגן.

ש מ ו א ל

אַז א י ר ׳ט אַליין פֿאַרקויפֿט דאָס אייגענע געזינד.

ב ע ט ל ע ר

אַז ד ו האָסט מיר געשענדט אין קנעכטישקייט מיין קינד.

ש מ ו א ל

אַז כ׳האָב דעם יתום-קינד געשענקט אין שטוב אַ נעסט.

ב ע ט ל ע ר

אַז וואָלסט פֿון איר דאָס לעצטע אויסגעצויגן,
ווי דו האָסט פֿון מיר ס'פֿאַרמעגן אויסגעפּרעסט

ש מ ו א ל

טאָ גענם-זשע זי און גיי, פֿאַרקויפֿטער שיכּור!

ב ע ט ל ע ר

נאָר פֿריער גיב צוריק, וואָס פֿלעגסט פֿון איר צו רויבן.

ש מ ו א ל

זאָל זי אצינד פֿון דיר אַראָפּרייסן די שטיקער,
וואָס ד'האָסט אויסגעבראַכט, אין שטויב, אָן האַרץ, אָן גלויבן.

ב ע ט ל ע ר

נאָר מיך האָט גאָט באַשיצט.
גאָט באַהיט מיך און ער וועט דערלויבן
מיין נקמה זען.

ש מ ו א ל

ווילסט נקמה?

ב ע ט ל ע ר

כ'האָב אין גען דיך איצט.

ש מ ו א ל

קייטן אויף די הענט?—

ב ע ט ל ע ר

קייטן וויל איך פֿאַר דיר.

ש מ ו א ל

ווי חילסטו מיך דען גרייכן?

ב ע ט ל ע ר

דו האָסט דאָך קינדער אויך!

ש מ ו א ל

קינדער?! הער נאָר, כיטרער,

ווייל די צונג צום רעדן לייגט זיך נישט —
כ׳בין געגרייט שוין צו דעם גרעסטן קרבן
פֿאַר די קינדער...

ב ע ט ל ע ר

און איך וויל שטראָף -- און שוין...

ש מ ו א ל

וואָס ווייסטו דען?! וואָס פֿאָדערסטו?!

ב ע ט ל ע ר

דעם לוין!!

ש מ ו א ל

איך גיב אים אָט אַזוי, ווי מיין עשירות לאָזט,
טאָ נעם...

ב ע ט ל ע ר

איך נעם נאָר גלייך אויף גלייך.—
עס זענען צייטן איצט, אַז ווי צוריק מיט יאָרן
זאָגן מיר זיך אַלעס אָפּנהאַרציק, פּראָסט:
דו האָסט מיך באַגזל׳ט!—

ש מ ו א ל

ון דו געלאָקערט גלאָט!

ב ע ט ל ע ר

כ׳האָב הרג׳ענען געוואָלט!

ש מ ו א ל

און ס׳קרימינאַל געהאַט.

ב ע ט ל ע ר

און אין קרימינאַל געפֿינען דאָס געוויסן:
ווי דו פֿון מיין נשמה האָסט מיך רק באַריסן,
ווי איך האָב דיר פֿאַרשענקט די ווירטשאַפֿט מיינע
און ס׳געזינד און ס׳קינד און דאָס פֿאַרמעגן.

ש מ ו א ל

כ׳האָב פּאַפּירן.

ב ע ט ל ע ר

עוֹלה-דאָקומענטן.

ש מ ו א ל

האָסט דו האַנט געגעבן.

ב ע ט ל ע ר

זאָל פֿאַרשאָלטן ווערן.

ש מ ו א ל

נו שוין, דו — אַפֿילו ביסט גערעכט,
טאָ וואָס דערפֿון? — האָסט זיך אָנגעשפּאַנט,
ווי אַ ווילדע קאַץ — און ביסט אַ היימישע.
האָסט מיר שטראָף אין קייטעלעך דערמאַנט
און זאָגסט, אַז ווילסט קיין געלט נישט אויפֿ'ן האַנט?

ב ע ט ל ע ר

איך וויל נישט.

ש מ ו א ל

פֿלעגסט דאָך תמיד נעמען.

ב ע ט ל ע ר

האָב איך זיך אַליין אין שטויב געטרעטן.

ש מ ו א ל

און איצטער טוסטו וואָס?

ב ע ט ל ע ר

איך האָב זיך אויסגעבעטן;
אָט אַזוי מיט קראַפֿט אין ברוסט געשלאָגי
אָט אַזוי דאָס האַרץ צעשניטן ברייט
און כ'האָב דערין געלייענט ווי פֿון בוך:
וואָס דו ביסט, דו מענש, — וואָס ביסט.
נאָר איך האָב זיך אויף דיר מיט וואָפֿן צוגעגרייט —
זעסט דאָ ד ע ר מעדאַל דער אָפּגעשפּראָכענער
ביים קרעלן-קראַנץ, איז אַזש פֿון באָראָדשאַן,
פֿון עולה-רגל זיין.

ש מ ו א ל

אַ בלעכל.

ב ע ט ל ע ר

ווידער ד ע ר פֿון ראָהאַטין געגומען.

ש מ ו א ל

וואָס איז עס אַלץ?

ב ע ט ל ע ר

דאָס אַלץ איז אָפּגעשפּראָכן
קייגן שדים, רוחות בייזע און מזיקים,
ווען די שעה פֿון טויט וועט קומען.

ש מ ו א ל

ביסט אַליין געגליכן צו אַן אַלטן שד.

ב ע ט ל ע ר

נאָר אַ שד — אַן אָפּגעשפּראָכענעם. —
וועסט זיך נאָך דערוואַרטן, — וואָסער נויט
איך וועל אויף דיר נאָך ברענגען, — פֿאַר מיין שאַנד,
פֿאַר מיין טאָכטער,
פֿאַרן הויף, די לאַנקעס, שטיקער לאַנד,
אַז די וועסט, אַ וואַנדערער, איין שטעקן בלויז אין האַנט,
זיך לאָזן גיין — דו... דערקענען וועסטו, וואָס בעטייט עס
אומגליק, — וואָרן אומגליק דאָס בין איך,
איך אָט דאָ אין שטוב. —
(דערווייטערט זיך אין פֿאַרהויז און פֿאַרשווינדט.)

נ ת ן

(קומט אריין פֿון פֿאַרהויז.)

ש מ ו א ל

צי האָסטו שוין געענדיגט די געשעפֿטען?

נ ת ן

מיט יעוודאָכען?

ש מ ו א ל

גײן, נישט זי געמײנס.

נ ת ן

זי קאָנטראַקטן שוין געחתמעט געװען.

ש מ ו א ל

ס'זאָל זיך נאָר מיט גאָרנישט נישט צוגײן.

נ ת ן

דהײנו?

ש מ ו א ל

װאָס דו רײסט זיך מיט דער שיקסע כסדר.

נ ת ן

זי װעט נישט דערצײלן פֿונם חדר.

ש מ ו א ל

איז אַ צװײטער.

נ ת ן

אָט דער אַלטער?

ש מ ו א ל

מיר בעדאַרפֿן דר'עיקר
היטן זיך.

נ ת ן

אַנו, פֿאַר אָט דעם שיכּור.

ש מ ו א ל

פֿאַרן טאַטן!

נ ת ן

ס'איז אַ פֿאָטער?! דאַרף מען אים פֿאַרבלאָטן.

ש מ ו א ל

קאָן מען נישט, און דו זאָלסט זיך נישט לאָזן
פֿון דער שיקסע דאָ דעם קאָפּ פֿאַרדרײען.

נתן

איינס באַדאַרף מען נאָר: זיי ביידע
זאָלן זיך נישט קאָנען אויסטענהן אין צווייען.

שמואל

(מיט הינטערגעדאַנקען, וואַקלדיק)

די אותו-רגע דאַרף מען פֿאָרן

נתן

נו, און — וואָס מיט איר? — —

שמואל

מיט איר צו שלום קומען.

נתן

אַז ס'וועט קומען שלום...

שמואל

וועט זי שוין נישט שאַדן.

נתן

וועט זי שטומען. און דערנאָך וועל איך
פֿון דאַנען ערגיץ פֿאָרן.

שמואל

אפשר וועט דער אַלטער פֿאָרט
צוריקגיין אין אַרעסט? — —

נתן

נאָר ווי אַזוי דאָ שטעלן אים די נעץ?...

שמואל

דאַרף מען קלערן...—

נתן

איבערקלערן.

שמואל

און דערפֿירן.

נתן

(פלוצים)

איך...?!

שמואל

דו!—!

נתן

און אונטעררוקן...?

שמואל

...איינעם.

נתן

וועמען?

שמואל

מן-הסתם אַ רייכעם.

נתן

דאָס איז גאָר נישט. — האָט דער טאַטע וועמען?

שמואל

וואָלסטו, הייסט עס,—?!--?

נתן

זיכער — וואָס זיך?

שמואל

וועסטו זיך אין טוען נישט דערשרעקן?

נתן

ניין. — —

שמואל

און גאָט...?

נתן

אַ רגע נאָר — די שרעק וועט באַלד פאַרגיין.

(זיי דערוויטערן זיך אין אַלקער)

(פון פאָרהויז קומען אריין דער בעטלער און יעוודאָכע).

בעטלער

...יעוודאָכע!?

י ע ו ו ד אָ כ ע

אַוודאי יעוודאָכע.

ב ע ט ל ע ר

צי ווייסטו, מיט וואָס כ'בין געקומען?

י ע ו ו ד אָ כ ע

איר האָט מיטן אַלטן זיך קריגן גענומען?

ב ע ט ל ע ר

כ'וואָלט וועלן דיך קויפן.

י ע ו ו ד אָ כ ע

וואָס ליגט דאָרט אַ מויד אייך אין זינען?

ב ע ט ל ע ר

און ווייסטו, אַז זיי זענען שפינען?
כאָטש פון דיר דאָס האַרץ אַרויסצונאָגן?

י ע ו ו ד אָ כ ע

ס'זענען דאָך מיינע בעלי-בתים.

ב ע ט ל ע ר

און ווייסטו וואו מאַמע און טאַטע — ?

י ע ו ו ד אָ כ ע

וואָס פאַלט אייך איין זיך צו פרעגן?
...געשטאָרבן די מאַמע.

ב ע ט ל ע ר

דער טאַטע?

י ע ו ו ד אָ כ ע

די מאַמע ט'פאַרשאָלטן.

ב ע ט ל ע ר

דעם טאַטן?

יעוודאָכע

אויף טייוולישע ווענן.

בעטלער

נישט רעד עס, — הונט!

יעוודאָכע

איר וואָס זענט, אלטער שפונט?
צו מיר — — —?

בעטלער

...ווי כ'פלעג דאָס מיידלשי צו טראָגן אויף די הענט...

יעוודאָכע

א — ...וואָס? — איר האָט דאָס געקענט
די טאַטע-מאַמע, — וואָס איר פלעגט מיך קיפלען?

בעטלער

און דו ביסט דאַן געווען אַ רייכע, אַ נגידית.

יעוודאָכע

נו, א וואָס, — — אַ וואו? —

בעטלער

אָט דאָ אין הויף.

יעוודאָכע

און היינט בין איך אַ נידעריק משרת.

בעטלער

דאָס בעל-בתיש קינד!!

יעוודאָכע

ס'קאָן וואָר זיין דאָס, וואָס וואָר איז. —

בעטלער

און דיר איז איצט נישט בענגלעך?

יעוודאָכע

ווייל כ'האָב עס נישט געקענט,
און קומט עס מיר אַמאָל אין מיין זכרון,
זע איך זיך דאָ ביים שוועל,
א קינד אין יונגע יאָרן,
אַן אויסגעשראָקענע און עמיץ טוט מיך יאָגן,
אָט אזוי די הענט אויף מיר פאַרמאָסטן,
וויל מיך שלאָגן,
מיט א רויטן פנים, וואָס אין פלאַמען שטייט,
צו מיר זיך בייגן —
עמיץ מיינער...
כ'האָלט קושן היינט די הענט,
וואָס פלעגן מיך דאַן שלאָגן,
...ווייל ז'איז אייגן...

בעטלער

קינד!!!

יעוודאָכע

איר זענט עס!! — ?

בעטלער

האָסט דערקענט!

יעוודאָכע

איך ווייס נישט גאָר און וואָס איז וויסן דען?
וואָס טויג מיר דער אַמאָל און דאָס געדענקען?
בחינם זיך פאַרצערן אין געוויין און בענקען,
עס קאָן נישט ווערן אויס דאָס אַלץ, וואָס איז געשען.

בעטלער

מ'קאָן זיך רעכענען.

יעוודאָכע

ווער ס'וויל.

בעטלער

און דו ביסט עס בכוח.

יעוודאָכע

נאָר מיר פֿעלט צום רעכן זיך ס׳געפֿיל.

בעטלער

דאַרפֿסט עס פּאַטש צוליב דער עוולה דײַנער.

יעוודאָכע

יאָ, פֿאַר מײַנער, פֿ׳ווײס עס — כ׳האָב דאָס רעכט.

בעטלער

און דו, דו — האָסט זיך פֿאַרקויפֿט אין קנעכט!!

יעוודאָכע
(מיט קראַפֿט, דרײַענד)

ניין!

בעטלער

ביסט געמיין! דו ביסט...

יעוודאָכע
(שטיל)

... איך בין געווען פֿאַרליבט.

בעטלער

און ווײַסטו, מוראדיק פֿאַרשאָלטענע,
וואָס ד׳האָסט געזאָגט? א וועמען ד׳האָסט געליבט?
צו ביסט נישט ווערט צו לעבן?

יעוודאָכע

געווייזט אויס נישט ווערט.
ווײַל ס׳לעבן מײַנס איז נאָר איין נויט און עלענט.
נאָר די ליבשאַפֿט כאָטש האָט עפּעס מיר געגעבן.
ליבע-פֿול — דערפֿאַר פֿול חרטה-לייד.
און דאָרט איז מיר דער וועג געעפֿנט ברייט.

בעטלער

פֿון טומע וועט דער גלח דיך פֿאַריאָגן,
וואָרן אים, דעם גלח, וועל איך'ס זאָגן.

יעוודאָכע

מעגט איר מיך פֿאַרקלאָגן.

בעטלער

ביז, פֿון אַלטע פֿאַרשטויסן,
אויף דעם טומעס שוועלן
וועסטו זיך אין ווייען דרייען,
און נישט קענען אויפֿשטיין
ביז ס'וועט גאָט געפֿעלן.

יעוודאָכע

כ'וויל נישט לעבן, איך

בעטלער

ווילסט, חצופה, זיך דאָס לעבן נעמען,
דײַנע הענט נאָך שטריק און מעסער שטרעקן?

יעוודאָכע

כ'וויל.

בעטלער

און דאָס געוויסן?

יעוודאָכע

שטיל.

בעטלער

פֿאַרלוירענע, אַ פּחדים!

יעוודאָכע

מיטן גלח שרעקט מיך נישט און מיט דער טומע,
ווײַל ס'איז גלײַך איר וואָלט אַ טויטן שרעקן
פֿאַר דער פֿרישער ערד און קברים-גריבער שטומע.
נישט לאַנג און איך וועל עקן.

בעטלער

ווילסט זיין דעם טייוולס רויב,
ווילסט גיין צו נישטיקייט צו אייביקער געוועגדט.

יעוודאָכע

צו אייביקן פֿאַרגעסן —
דאַן יועט זיין צו אַלעמען אַן ענד.
נאָר כ'זאָל אַלץ פֿאַרגעסן,
כ'זאָל פטרן דעם גוף און די נשמה —
ווייל קוים האָב איך דעם גוף אַליין געפּטרט,
און די נשמה אין מיר איז נאָך נישט גאָר פֿאַרלענדט,
וועט אַלץ דער ווייטיק בלייבן און די פּייַנען פּרעסן.

בעטלער

פֿאַרכּישופֿטע דו!

יעוודאָכע

שוין זע איך זיך אין שרעקלעכע חלומות,
אַראָפּגעשטופּט אין דעם גיהנומס תהומות,
און דער שטורעם וואָיעט אום דערשראָקן
פֿאַר נשמהלעך, וואָס מיט יללות קלאָגן.
פֿייערדיגע צונגען לויפֿן אום און יאָגן
אומרייַנע נשמות מאַטערן און שלאָגן.
און אין טיפֿענישן דאָרט, ביי סאַמען
דעק, איז איינגעשמידט אין שטריק פֿון פֿלאַמען,
עמיץ גלייך ווי איר פֿאַר מיר צעריינגעשליידערט.
אפֿשר איר? — מיין פֿאָטער?

בעטלער

איך!!? וואָס האָסטו שרעקלעכע געזעהן?! געבראָטן!
אין טייוועל-בראַנד פֿון שטן
ביסטו אַרייַנגעטראָטן?
צי ביסטו ביים גלח געוועזן?

יעוודאָכע

ניין.

בעטלער

דאָס בייז האָט נישט דערלאָזן,
ס׳האָט העזה דיר געפעלט.

יעוודאָכע

איצט וויל איך נישט.

בעטלער

דו טוסט זיך היטן פאַר׳ן געטלעך ברוים,
דעם גלח און די טומע מיידסטו אויס?

יעוודאָכע

די טומע, פאָטער מיינער, איז ביי גאָט
נישט ס׳איין און איינציק הויז.

בעטלער

ווייסט אַן אַנדערס דען?

יעוודאָכע

דעם טויט.

בעטלער

דאָס ווינקט צו דיר דער טויט!
עס דריקט אויף דיר דיין זינד.

יעוודאָכע

איך האָב נישט גאָר קיין שולד
און נישט קיין זינד צו טראָגן.
ס׳איז שלעכט מיר אויף דער וועלט!
דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳קאָן אייך זאָגן.
און ווייל דאָס שלעכטע איז, וואָס ס׳הארץ איז מיר פאַרסמט,
ווייל ס׳זענען, ווי אין שטריק, געבונדן מיינע הענט
און אויפן שטערן מיר איז ס׳צייכן אויסגעברענט
פון שאַנד, — און ווייל אין מיר מיין ליבשאַפט און מיין
שנאה פלאַמט,

ווייל כ'ווין און שעם זיך פאר א יעדן קרעכץ,
ווייל עקל וואַרפט מ'ט מיר און כ'לעב פון אים באַנומען,
ווייל כ'האָב דערפירט מיין זייל פון וועגן ווייט אין נויט
און ווייל מיר ווייזט זיך אויס אָן ווערט די טרייסט פון טומע.
איז אפשר אמת שוין, אז ס'ווינקט צו מיר דער טויט.

(דער בעטלער לויפט ארויס אין פאַרהויז)

נתן

(קומט ארויס פון אלקער: בייגט זיך איבער יעוודאַכען)

נו—? וואָס ביסטו דען געפאַלן אָט אַזוי?

יעוודאָכע

(שארף)

דו ריר מיך נישט.

נתן

צו האָט ער דיך געשלאָגן?
שטיי-זשע אויף! — וואָס איז—?

יעוודאָכע

דו ריר מיך נישט.

נתן

שאַ שטיל!

יעוודאָכע

ווייל כ'בין פאַרברענט אין באָסט.

נתן

וואָס ? ? !

יעוודאָכע

דו מאַך מיט מיר א מאָל אַן עק:

נתן

גאַך וואָס — —? דו ווילסטו!

יעוודאָכע

וואו פאַרסטו דען אוועק!?

נתן

דו ווייסט דאָך.

יעוודאָכע

האָסט חתונה!

נתן

און פון וועמן האָסטו דאָס געהערט?

יעוודאָכע

איך ווייס — אַ, אַ
ווי רויט דיין פנים ווערט. — —

נתן

נו, איז וואָס האָט דאָס צו דיר—?
איך בין דאָס שלעכט?

יעוודאָכע

וואָס האָט עס דאַרט צו מיר...

נתן

טאָ וואָס-זשע ווילסטו נאָך?

יעוודאָכע

עס זאָל שוין זיין צו מיר מיט אַלעמען אַ סוף.

נתן

נו... וואַרט...

יעוודאָכע

איך וויל נישט!

נתן

רעדן לאָזסטו נישט.

יעוודאָכע

מ'דאַרף נישט! ס'איז אומזיסט.

נתן

נו וואָס?

יעוודאָכע
(כאַפּט אים אָן פאַרן כאַלאַט)

שטיי, דו!

נתן

שטיל! — וואָס ווילסטו?

יעוודאָכע

דעם טויט!! —

נתן

שטיל! שטיל!

יעוודאָכע

דערהרגע מיך!

נתן

וואָס רעדסטו? וואָס האָסטו געהערט?
ווער האָט עס אונטערגעטראָגען?

יעוודאָכע

וואָס האָסטו מורא דען? — פאַר וואָס?

נתן

וואָס האָסט דו געזאָגט? — וואָס איז עס?!
פון וואַנען? ווי אַזוי?

יעוודאָכע

גלאַט, פון שטב׳ס אונטערזאָגען.
הרגע מיך!!

נתן

(ציטערט)

וואָס איז עס? ווער האָט עס געשושקעט?
האָסטו אונז געהערט?

יעוודאָכע

וועמען? — טרוס, — דו, דו — געמיינער! —
ס׳מעגן דיר פון מורא ציטערן די הענט,
דו מוזט!

נתן

שטיל!

יעוודאָכע

כ'וועל מסרן, כ'וועל אויסזאָגן, צושרייען,
מיטן טאַטן דיינעם, וואָסער סוחרים איר זענט.
ווי איר נעמט און פירט צום ווינט אַרויס
מענשן אויף פאַרקויף.

נתן

שטיל!

יעוודאָכע

ווי דו האָסט מיר דיין קינד
געהייסן וואַרגן. —

נתן

שטיל!!!

יעוודאָכע

און טייטן!

נתן

װעט מען דיך פאַרשליסן

יעוודאָכע

און מיט דיר, מיט דיר פאַרשמידן אין די קייטן.

נתן

— נאַרישע —

יעוודאָכע

ווי דו האָסט מיר געהייסן נעמען סם,
ווען כ'בין אַנטראָגן וואָרן...

נתן

דו... דו... ליגסט! ליגסט!

יוודאָכע

וואָס? — — — איצט ברעכסטו זיך און בייגסט
מיט יענעם רוצחישן געדאַנק. —

טייט מיך, טייט! ס'איז מיין פאַרלאַנג, —
איך האָב דאָס קינד געטייט! —
דאָ הער איך איצט דאָס שרעקליכע געוויין,
אַזוי מאַוויים'דיג פול לייד,
אַז וואו איך קוק אַרום,
דערזע איך אָט די אויגן
ווי עס בליקט צו מיר,
ווי ס'וויינט, ווי ס'כליפּעט, ווי די הטנט...
די אייגעלעך נקמהדיג מיך יאָגן
און כ'לעב אַזוי אין מערדערישע פּלאָגן
תמיד אין געדאַנק ביים קינד און ביים פּאַרברעך.
אוי רחמים איך, — איך טייוול-ווייב, איך האָבס געטייט!

נ ת ן

שטיל! — שטיל! פאַררוקטע דו! —
מ'וועט הערן

י ע ו ו ד אָ כ ע

פאַרדעקן וויל איך נישט און ס'קאָן מיר נישט אין זין,
די אוירן מיינע זענען [illegible] געווין,
פול קינדעריש געשריי.
אומעטום דערזע איך'ס אין דער גסיסה,
ווי ס'פאַרדרייט צו מיר די אייגעלעך די זיסע.
פאַררוקט בין איך — פאַררוקטע מערדערן!
און דו אַ שאַרלאַטאַן!...

נ ת ן

...שטיל...

(ער ראַנגעלט זיך מיט איר, איז שוואַכער)

דו, — איז שוין — וואָס דו ווילסט — ווי דו ווילסט,
...שטיל...

י ע ו ו ד אָ כ ע

ווי דו האָסט מיר דערשטיקט דאָס האַרץ און ברוסט.
דערהרגע מיך — —

נתן

דו ווילסט...?

יעוודאָכע

איך וויל — — דו מוזט.

נתן

...איך מוז...

יעוודאָכע

(לאָזט אים גאָר; דערהייבט זיך)

דערנאָך האָב חתונה מיט ד ע ר פאַרבלוטער האַנט.

נתן

(ציטערט)

אַ מוראדיגע דו, — דו שרעקליכע — —

(לויפט אוועק)

די רו וועט גאָט מיר זיין, ווען מ'וועט אין גרוב מיך וואַרפן

(גייט אוועק אין קאמער. מיט דער טיר פון פאַרהויז קומט אריין דער

אורלויבער

(אין ווייסן שטאָפּענעם רעקל, אויסגעקריידט, מיט מעשענע קנעפּ; אין בלאָע היטל און הויזן; יונג און רויט ווי אַ צוויקל; קורצע העלע געלע האָר)

פאָרט מיין יאָש, פאָרט מיין יאָש,
כ'האָב אים גלייך דערקענט,
פאָכט ער מיטן טיכעלע,
וואָס כ'האָב אים געשענקט.

פאָכט ער מיטן טיכעלע,
פון לויטער גאָלד געשפּינט,
וואָס איך האָב אים געשענקט,
איך אָרעם יתום-קינד.

יואש

(לויפט ארויס פון אלקער צום געזאנג)

אָ דו פֿויגל מײַנער, לערער דו מײַנער, וועסט מיט מיר ד[illegible]
זיין... בײם טאַטן?

אורלויבער

אפשר.

יעוודאָכע

(איז אַרויסגעקומען פֿון קאַמער)

(צו יואַשן)

בוּ גיי אַוועק.

יואָש

וועסט מיט אים עפּעס רעדן?

(גייט אַוועק אין אַלקער)

יעוודאָכע

(פֿאַלט צו פֿיסן דעם אורלויבער)

אורלויבער

וואָס וועט איצט זיין מיט דיר?

יעוודאָכע

אין קרימינאַל אַריין.

אורלויבער

ווער?

יעוודאָכע

איך.

אורלויבער

נישט דו, נאָר ער.

יעוודאָכע

ווי אַרום?

אורלויבער

נישט צו קיין שום מלאכה פֿירט ער זיי דאָרט, נאָר צו קאַ-
ליע מאַכן.—איך קען אים, איך.

יעוודאָכע
(שטייט אויף, ווען ס'קומט אַריין:)

נתן
(נאָך אים קומען אַרײַן מיידלעך)

יעוודאָכע, ביר פאַר די פרייל׳נס.

יעוודאָכע
(גייט אַרונטער הינטערן לאַדן-טיש; גיסט אָן ביר)

יאָקעלע
(ווילד באַוואַקסן מיט צושויבערטע העלע האָר; מיט גאָלדענע אויגן;
אין אַ מלבוש, דורכזיכטיק, אָפן ווי אַ זיפּ, פאַרבן פון אַש און
שטויב; באָרוועס)

(אויפן הינטערטייל פון קאָפּ אַ צעבראָכן האַלב-צילינדערל מיט אַ ברייטן ראַנד)

(קומט אַריין מיט קויש און זעקל)

(אַרײַנגעקומען, קלאַפּט ער אָן אין אײַנגעוויקסטן ברעטל פון דער טיר)

האָ! האָ, די פריילנס פאָרן ערגיץ?

אַ מיידל
נאָך פאַרדינסט.

יאָקעלע
און מיט וועמען?

אַ מיידל
אַלײן.

יאָקעלע
יאָקעלע וועט נישט גיין אין ערגיץ. יאָקעלע איז אַ תּם, יאָקע-לען איז דאָ גוט; פון דאַנען אַ מײַל איז איין חזירשאַפט, פון דאַנען צוויי מײַלן איז אַ גרויס חזירשאַפט; פון דאַנען פיר מײַלן איז אַן אַלגעמיינע שווײַנערײַ.

(זעקל און קויש שטעלט ער אַנידער פאַר דער פאַרצוימונג)

נתן
דו זײַ נישט צו קלוג.

יאָקעלע

נתן, ווען איך וואָלט זיין אַ דרייער, וואָלט איך געהאַט בע־סערע הוזן אָנצוטון—און יאָקעלע וועט גיין אין גן־עדן אויף לויטער קוויטלעך. „בלויע פערגיסמייניכט אונד ראָטע נעל־קען". איך האָב זעקס טעלטער האָבן זיי דאָס אַלע אַ מזל! און יאָקעלע וועט זיך זעצן ביי אברהם אבינו אויפן שויס אין סאַמעט מיט און וועט עסן צוקערלעך פון ריינסטן האָניק. יאָקעלע וועט זיין אויסדערוויילט פון פאָלק ישראל. יאָ־קעלע איז אַ תם, ווייל גאָט האָט אים דאָס תמימות געגעבן און דערהעכערט איבער אַנדערע מיט דעם פאַרטמען.

יאָקעלע וועט גיין צו גאָט, אויף זיין גן־עדן שוועל.
אין קליידער, ווייס ווי שניי, אַ ריין געשטעל;
ווייל דאָ אין געוויסן איז העל...

נתן

דו מיש זיך נישט אַריין אין פרעמדע זאַכן.

יאָקעלע

איך קוק בלויז אויף אונזערע עסקים.

נתן

דו לייג נאָר אַכט אויף דיינע זאַכן און אין פרעמדע מיש זיך נישט.

יאָקעלע

ס'איז אָבער שוין פאַראַן אַן אַנדערער, וואָס מישט מיט די מענטשן אַזוי, אַז כאָטש אין אַ זאַק מיט מאָן וועלן זיך די אייגענע תמיד געפינען.

נתן

אַדי זאָלן זיי זיך האַלטן ביים אייגענעם און נישט אַרייננקוקן אין דעם פרעמדן.

יאָקעלע

וואָס גאָט האָט עמיצן געגעבן, דאָס זאָל ער האָבן. און ווער האָט דעם מכס? דער אַלטער שמואל. און ווער האָט די

פאַרלאָג? דער אַלטער שמואל. און ווער האָט די לאַטעריי? דער אַלטער שמואל. און ווער האָט זעגן? דער אַלטער שמואל. און ווער האָט פאַדריאַדן? דער אַלטער שמו-אל. און ווער לאָזט האָלץ אויפן וואַסער? דער אַלטער שמואל. און ווער האָט פאַרמעגנס מיט גיטער? דער אַלטער שמואל. און יאָקעלע האָט נישט, נישט קיין פאַרמעגנס, נישט קיין גיטער, נישט קיין זעג, נישט קיין מכּס, נאָר ער האָט זיין לאָרע און זיין פייגע און רבקה און שרה און לאה און רחל. און יאָקעלע האָט זיין קליין מסחרל. וואָס עמעצער ברוּך, דאָס ברענגט עס אים. יאָקעלע איז אַ קליינע פליג.

נתן

זאָל דיך אַמאָל עמעצער פּלעפּען ווי אַ פליג.

יאָקעלע

איבער יאָקעלען וואַלט ער, וואָס ער געדעגקט אָן יעדער פליג זיינער און נעמט נקמה פאַר יעדער איינער גלייך. אָן אויג פאַר אָן אויג. אַ האַנט פאַר אַ האַנט. ער! אדושם צבאות, וואָס ער איז איינער, און הינטער אים שטייען גע-פליגלטע שטולן, און געפליגלטע כּרובים און געפליגלטע שׂרפים און געפליגלטע מלאָכימלעך און געפליגלטע גרויסע מלאכים און אַלע מיט אייזערנע שאַרפע שווערדן.

(ער גייט אוועק)

אַ מיידל

(גייט צו מיט אַ קופליע צום אורלויבער)

וואָס, דער הער סאָלדאַט טרינקט נישט?

ביר פאַרן הער סאָלדאַט. איך צאָל.

אורלויבער

דאָס פרייען צאָלט?

אַ מיידל

ווערט איר טרינקען?

אורליבער

נו, יאַ.

עוודאָכע

(ברעננט ביר)

מיידל

און אפשר וואָלט אונז דער הער סאָלדאַט באַגלייט? ווייל אין דער נאַכט...

אורליבער

און וואוּאַהין דאָס?

דאָס מיידל

אין שטאָט אַריין.

אורליבער

און איר זענט עס אליין?

דאָס מיידל

מיר מיט אים; מיר וואָלטן אָבער גערן, אַז איר זאָלט זיין מיט אונז.

אורליבער

נו, יאַ. נאָר אַפריער וועל איך אָפּטרעטן ביים שופט, וואָרן כ׳האָב אַ באַפעל.

נתן

(גיט צייכענס די מיידלעך)

(און לאָקערט זיי אַרויס אין פאָרהויז)

(דערנאָך פארשווינדן די מיידלעך אין פארשלאָסענעם אלקער)

נתן

(קומט צוריק פון פאָרהויז)

(גייט צו צום אורליבער)

נתן

הער סאָלדאַט.

(איז אים מכבד מיט פאפיראָסן)

אורלויבער

(נעמט א פאפיראס און צינדט-אן)

נתן

(נעמט ארויס דעם רעוואלווער פון קעשענע)

איר קאנט דאס לאדענען?

אורלויבער

נו יא.

(לייגט אוועק דעם פאפיראס אויפן טיש, זעצט זיך אויף דער באנק)

נתן

(דערלאנגט אים פאטראנען).

אורלויבער

(לאדענט דעם רעוואלווער)

נתן

(קוקט זיך צו צו אים)

אויף דער נאכט איז נישט היימלעך, אין שטאט איז ווייט.

אורלויבער

אין שטעטל איז נאנט.

נתן

דאס איז אנדערע זייט.

אורלויבער

די פארקערטע.

נתן

די פארקערטע.

אורלויבע

(לייגט דעם רעוואלווער אויפן טיש)

נתן

(רעקט-צו דעם רעוואלווער מיט זיין קאפאטקע)

אורלויבער

און וואו איז דאָ דער זשאַנדאַרמעריע-פּאָסטן?

נתן

אין שטעטל. און נאָך וואָס דאַרפט איר האָבן זשאַנדאַרמען?

אורלויבער

איך דאַרף זיך מעלדן.

נתן

באַלד?

אורלויבער

נו יאָ, באַלד.

נתן

היינט?

אורלויבער

נו יאָ, היינט.

נתן

איר ווילט אין שטעטל-אַליין?

אורלויבער

ווי איר אין שטאָט אַריין.

נתן

ווען איר פון וואַנען ווייסט, אז איך וויל אין שטאָט אריין?

אורלויבער

ווייל דו ביסט פון שטאָט.

נתן

נאָר דאָ בין איך אין דער היים.

אורלויבער

און יענע צוויי דאָרט וואַרטן אויף אייך.
וו פאָרן זיי דאָס?

נ ת ן

ווייס איך? נאָך ארבעט.

א ו ר ל ו י ב ע ר

איר האָט זייערע ביכלעך.

נ ת ן

אַ יאָ, איך האָב.

א ו ר ל ו י ב ע ר

וואָס זאָגסטו ווידער, אַז דו גייסט אַליין.

נ ת ן

טאָ וואָלט איר אפשר געגאַנגען מיט אונז?

א ו ר ל ו י ב ע ר

אַז איך גיי אָבער אין דער פאַרקערטער זייט. און וואוּהין דען פירט איר זיי?

נ ת ן

איך פאָר באַזונדער.

א ו ר ל ו י ב ע ר

אַליין?

נ ת ן

אין שטאָט אַריין מיט זיי.

א ו ר ל ו י ב ע ר

ווייטער אַליין?

נ ת ן

נו יאָ.

א ו ר ל ו י ב ע ר.

(לייגט די האַנט איבערן קאַפּעלוש אויפן טיש)

דאַרפט איר עס הייסט עס דערצו?

נ ת ן

און וואָס האָט איר צו מיר?

אורלויבער

בעהייל דו ווילסט אַנטלויפן!

נתן

פאַרן מיליטער.

אורלויבער

פאַר איר.

(אין הינטער־גרונט פון פאַרהויז אין דער טיר פון קיסר־וועג־צו ווײַזט זיך יעוודאָכע)

נתן

און זי וואָס קער זיך אייך?

אורלויבער

(חאַפּט נתנען דעם קאַפּעלוש)

אַ שוועסטער, דו יידיש בלוט.

נתן

(בייגט זיך אן נאָכן קאַפּעלוש)

אורלויבער

(נעמט דעם רעוואָלווער פון טיש און וויל אים באַהאַלטן אין דער קעשענע)

נתן

(כאַפּט אים פארן האַנט; זיי פאַלן אריין אין פאַרהויז)

(צום גערודער לויפט ארויס פון אַלקער:)

שמואל

(אין טיר פון אַלקער באַווייזט זיך:)

יואש

(ער קוקט־נאָך דעם פאָטער)

שמואל

(מאַכט־צו מיט אַ פּלוצומדיקער באַוועגונג די טיר פון שטוב צום פאַרהויז)

(מ'הערט אַ גערודער)

ש מ ו א ל

יאָש! יאָש!! — —

י ו אָ ש

פאָטער, וואָס איז דיר?

ש מ ו א ל

שווייג שטיל מיין קינד, מיין שיין.
נישט קוק, נישט הער זיך איין.

י ו אָ ש

וואָס איז דען דאָרט געשען — ?

ש מ ו א ל

נישט כאַפּ זיך אויף, נישט ריר.
דו טוליע זיך צו מיר!
צו מיר דאָס קעפּל לען.

י ו אָ ש

ווי די אויגן דייגע זענען שטרענגע?
וואָסער פונקען אין די אויגן ברענען?
זיי וואָס זענען — — ?

ש מ ו א ל

עס זענען די גזלנים פון דיין טאַטנס גליקן,
נעמען-צו דעם טאַטעשיס נשמה
פייניקן און שטיקן!

י ו אָ ש

טאַטע, ס'איז דאָך דאָרט דער ברודער אויך געווען.

ש מ ו א ל

עס זענען רוצחים דאָרט.
צי בלוטיקט נישט פון באַלדיקער נקמה
שוין עמיץ אויפן אָרט אַ פגר?

י ו אָ ש

פֿן מאַמע, ס'קלאַפּט דיין האַרץ
ווי אייזנס פֿון אַ זייגער. —

(אַ רגע פֿון ערוואַרטונג)

ש מ ו א ל

(אין. יואָשס אויגן)

(חזרט ער איבער די אָפּגערעדטע זשעסטן פֿונם פֿאַרברעכער)

(עס פֿאַלט אַ שאָס)

(מ'הערט דעם אויסגעשריי פֿון יעוודאָכע)

(ס'לויפֿט אַריין נתן אַ דערשראָקענער)

ש מ ו א ל

(צו נתנען)

ד ו אַגטלויף, אַנטלויף!

נ ת ן

ע ר איז אַנטלאָפֿן.

ש מ ו א ל

ע ר וועט נישט אַנטלויפֿן. ד ו אַנטלויף.

נ ת ן

נאָר וואו?

ש מ ו א ל

אין שטאָט אַריין, אין שטאָט אַריין.

(גיט אים געלט)

נ ת ן

(כאַפּט דאָס געלט)

(אין דערזעלבער מינוט:)

(קרעכצט אונטער דער טיר:)

י ע ו ו ד אָ כ ע

(זי ציט די טיר)

(שלעפט זיך איבער דער שוועל)

(די האָר אראָפּגעהאָנגען)

(די צעפּ שלעפּעדיג איבער דער ערד)

(שלעפּט זיך איבער דער שטוב.)

(אין פאָרהויז ווייזט-זיך א זשאַנדאַרם).

י ע װ ד אָ כ ע

נעמט מיך דאָ אויף צו דער לעצטער מינוט פון גסיסה, — לאָמיך שטאַרבן דאָרט, וואו כ'האָב דאָס אומרחמנותדיקע שטאַרבליכע ליבען איבערגעלעבט, — אין קאַמער אַריין דאָרט.

(שלעפּט זיך)

(אויגטערגעהאַלטן פון פייגען, אן אלטער יידענע).

פ י י ג ע

וואָס איז געשען? וואָס איז געשען? איך זאָל אַזוי געזונט זיין.

ז ש אַ נ ד אַ ר ם

(קומט אריין).

(אין דער זעלבער רגע פירן צוויי אנדערע זשאַנדאַרמען דעם אורליובער).

(זיי קומען אריין).

(ס'פאָרט-צו א וואָגן).

ש מ ו א ל

(שטופּט יואשן אין אלקער אריין)

(עס קומען אריין:)

דער לערער, דער וואָיט, דער ריכטער, דער אַפּטייקער.

ד ע ר ר י כ ט ע ר

(אין א שווארצן לאַנגן ראָק, מיט א ברייטער ווייסער ברוסט און אויסגע-שניטענעם וועסטל; אן איבערגעלייגט קאָלנערל; די וואָנסע געל, דאָס פּנים רױז, דער שטערן ווייס, אויסגעקראָכן; א פענסנע אין א גאָלדענער רעם אויפן שפּיץ נאָז).

מיר מוזן זיי איבערפרעגן.

ל ע ר ע ר

(גראָב, גראָ-געשפּרענקלט, אין אַן אַליוון-פאַרבענער, אָפּגעבליאַקירטער מענאַר-

קע, אין א האלב-קיילעכיקן שטייפן בראָנזענעם אויסגעקראָכענעם קאפּע-
לוש; אין א געלער וועסט מיט בלימלעך; אין א שטייעדיקן הויכן קעלנערל)
כלומרשט הייסט עס איבערפרעגן.

ריכטער

איר וועט שרייבן.

לערער

כלומרשט הייסט עס מיט דער פעדער.

שמואל

(ברענגט פּאפּיר, טינט און פעדער.)

ריכטער

(צו נתנען).

חי אזוי איז עס געשען?

נתן

(קוקט מיט א פרעגעדיקן בליק אויף שמואלן)

שמואל

ווער דארף זאָגן?

ריכטער

(צו נתנען)

ווי הייסטו?

נתן

(דערלאנגט זיין ביכל)

דער ריכטער

(צו שמואלן)

אייער זון?

שמואל

דער עלטערער זון.

ריכטער

איר האָט אַ צווייטן?

שמואל

דאָ איז ער צו גאָר נישט נוציג.

ר י כ ט ע ר

און וועלכע יאָרן?

ש מ ו א ל

אַ קינד.

א ו ר ל ו י ב ע ר

ער איז שוין גרויס.

ר י כ ט ע ר

ברענגען.

ז ש אַ נ ד אַ ר ם

(ווייל עפענען די טיר פון אַלקער

(זי איז אָבער פאַרשלאָסן פון אינווייניג)

י אָ ק ע ל ע

(קומט צוריק)

ר י כ ט ע ר

צו וואָס איז די טיר פאַרמאַכט?

ש מ ו א ל

שבת.

ל ע ר ע ר

דאָרט אינעווייניג לייכטן זיך די לייכטער; כלומרשט
הייסט עס שבת.

אַ פ ט י י ק ע ר

(אַ בלאָנדער, אַ שלאַנקער) מיט אַ לענגעלדיק פנים; מיט אַ בלאָען קראַ-
וואַט ווייס געפינטלט, פאַרנאַ'דן אין אַ גרויסן זומער-פויגל; אין לאַק-שיך)

וו אָ י ט

(אין אַ פּיאַלעטן, קורצן דאָרף-מאַנטל, אין אַ גראָען, וואָלוטסקענעם שאַליק,
גראָע הויזן, גלאַנצעדיקע שטיוול; מיט אַ צוגעשוירענער וואָנסע; אַ גרויסע
האָר גלייך מיטן שטערן; ברייט פלייציק, דאַר)

עפענען.

ריכטער

עפענען.

לערער

פלומרשט הייסט עס עפענען.

אפטייקער

טא וואס?

זשאנדארם

(קלאפט אין טיר)

שמואל

ער וועט נישט עפענען.

ריכטער

הייסט אליין.

שמואל

יואש, יואש, עפן.

יואש

(עפנט די טיר פון אלקער)

(קומט אריין)

ריכטער

דו ביסט דער ייננסטער זון?

יואש

איך בין.

(האט פארלייגט די הענט אויף דער ברוסט אין א קרייץ)

זשאנדארם

(קוקט אין שטוב אריין)

דארט זענען עפעס מיידלעך.

שמואל

פארדונגען זיך צו דינען.

זשאנדארם

(גייט ארויס פון דארט)

צו וועמען האט איר זיך פארדונגען?

די מיידלעך

(קומען ארויס פון אלקער מיט טעקלעך)

(רעדן ביידע באנאנד)

צו אים.

(ווייזן אויף בתנעון)

זשאנדארם

וואו האט איר אייערע ביכלעך?

די מיידלעך

ביי אים.

זשאנדארם

און ווו ווילט איר דינען?

די מיידלעך

מיר האבן געדארפט פארן אויף דער דיגנסט.

זשאנדארם

נאר וואו?

די מיידלעך

ווייסן מיר נישט.

לערער

כלומרשט הייסט עס, זיי ווייסן נישט.

אפטייקער

טא וואס?

זשאנדארם

נאר ווער וועט וויסן?

די מיידלעך

דער האר ווייסט.

(ווייזן אויף בתנעון).

ריכטער

וואו האט דאס געדארפט זיין?

נתן

נו, איך האָב זיי געדאַרפֿט פֿירן אין ביורע.

זשאַנדאַרם

און וואו איז די ביורע?

נתן

אין שטאָט.

זשאַנדאַרם

אין שטאָט, — וואו?

נתן

אויף אונז האָט דאָרט געדאַרפֿט וואַרטן אַזאַ הער, וואָס האָט אַדרעסן צו די ערטער, און ער וואָלט זיי געגעבן אַדרעסן, וואו זיי וואָלטן וועלן גיין.

ריכטער

הייסט איר נישט, וואו זיי וואָלטן געגאַנגען.

נתן

וואָרן דאָס גייט מיך שוין נישט אָן.

אַפּטייקער

טאָ וואָס?

זשאַנדאַרם

און דאָס איז נישט דערלויבט.

נתן

דאָס איז דערלויבט, דאָס איז אַן ערלעכער פֿאַרדינסט, דאָס איז רעכט.

זשאַנדאַרם

דאָס איז נישט רעכט.

וואָיט

דאָס איז דיין הינטיש רעכט, גנב. ביי הייניקן טאָג.

לערער

כלומרשט הייסט עס, דאָס איז זיין הינטיש רעכט.

אַ פּ ט י י ק ע ר

סאַ וואָס?

זשאַנדאַרם

(צו נתנען)

איל זיין —

ל ע ר ע ר

פֿלומרשט הייסט עס, האַלטן פּיסק.

אַ פּ ט י י ק ע ר

סאַ וואָס?

ר י כ ט ע ר

(צו נתנען).

שרייבט זיך אונטער.

נ ת ן

(דערנענטערט זיך צום טיש).

ל ע ר ע ר

(דערלאַנגט אים די פֿעדער).

נ ת ן

(שרייבט זיך אונטער).

ר י כ ט ע ר

זאָגט ווי דאָס איז געשען.

נ ת ן

דאָס איז אַ לאַידאַק.

(ווייזט אויפֿן אורלויבער)

אַ שיכּור, אַן אַוואַנטוריסט, אַ פֿאַרטשעפּער, האָט זיך מיט מיר געשלאָגן, -- געדריסן, געהאַקט מיט מיין קאָפּ אָן דער מויער אין פֿאָרהויז, צוגעדריקט מיך; — האָט אַ שאָס געטון. צי ווייס איך, ווי אַזוי? איך האָב נישט געוואוסט, אַז עמיץ שטייט דאָרט.

ריכטער

דאָט איז געווען אַ צופאַל?

נתן

(שווייגט).

לערער

כלומרשט הייסט עס אַ צופאַל.

אַפּטייקער

טאָ וואָס?

נתן

משפט איר אַליין.

ריכטער

(צום אורלויבער)

זאָג דו, ווי איז דאָס געווען?

אורלויבער

ער האָט מיך, אָט די גיהנום-חיה, געריסן, ער האָט מיר די האַנט געדריקט, צוגעמאַכט די פויסט, פאַרן פינגער געצויגן.

ריכטער

צי האָט איר געזען, אַז עמיץ איז הינטער אייך געשטאַנען.

אורלויבער

כ'האָב געזען.

ריכטער

דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל.

אורלויבער

משפט איר אליין.

לערער

כלומרשט הייסט עס.

אַפּטייקער

טאָ וואָס?

ר י כ ט ע ר

שרייבט זיך אונטער.

א ו ר ל ו י ב ע ר

מיט אַ צלמל?

ר י כ ט ע ר

מיט אַ צלמל.

ו ו אָ י ט

ער קען נישט קיין געשריפטס. ביים היינטיגן טאָג.

ל ע ר ע ר

אַן אַנאַלפאַבעט. פלוטרשט הייסט עס.

אַ פ ט י י ק ע ר

טאָ וואָס?

ש מ ו א ל

(ווייזט אויף נתנען)

ע ר וועט זיך נעמען אַן אַדוואָקאַט, ער וועט ענטפערן אויף דער פריי. א י ך לייג דאָ איין פאַר אים ערבות, צוויי טויזענט רייניש.

(נעמט ארויס געלט)

ל ע ר ע ר

פלוטרשט הייסט עס געלט.

אַ פ ט י י ק ע ר

טאָ וואָס?

ר י כ ט ע ר

און וועמען אויפן האַנט?

ש מ ו א ל

אויפן האַנט דעם האַר ריכטער.

(לייגט עס פאַר אים אויפן טיש)

ז ש אַ נ ד אַ ר ם

(צום אורלויבער)

און מיר וועלען גיין.

ז ש אַ נ ד אַ ר ם

(שטייט אויף)

(נעמט אַרויס פון דער טאַש קייטעלעך און טוט אָן דעם אורלויבער)

א ו ר ל ו י ב ע ר

(דערלאַנגט די הענט)

ר י כ ט ע ר

זענט איר שולדיק?

א ו ר ל ו י ב ע ר

משפט איר אליין.

ל ע ר ע ר

פלומרשט הייסט עס שולדיק.

אַ פ ט י י ק ע ר

טאָ וואָס?

י ו אָ ש

(וויינט)

(צום אורלויבער)

מיין טייערער, זינגער מיינער, דו פלעגסט מיך אַזוי צו לערנען הערן דאָס געזאַנג פון פייגעל.

(צום ריכטער)

ער איז נישט שולדיק.

ר י כ ט ע ר

ווער איז שולדיק?

ש מ ו א ל

ס'אַ נאַר, ס'אַ קינד, ס'אַ פאַרריקטער, ס'אַ משוגענער.

וואַיט

(צו די פּאַראַבקעס)

גיי גאָר צו סאָפּעטען, זאָל ער געבען פערד און וואָגן פאַרן הער זשאַנדאַרם.

פּאַראַבעק

(לויפט אַוועק)

באַלד.

יואָש

(ווייזט אויף נתנען)

ער איז שולדיק — ער, דער בייזער רוח - ער, דער שד.

שמואל

שווייג, שווייג, דו פּיצל הונט!

יואָש

דער פאָטער מיינער, איר זעט? — קוקט, אויף די רונצלען זיינע אויפן שטערן; קנייטשט זיך, ציט צונויף די ברע-מען — און דאָ איז אויפגעשריבן — צונויפגערעדט זיך האָבן זיי, צונויפגערעדט.

(ווייזט אויפן פאָטער)

ער איז שולדיק, ס'זאָגט דער האַר:
דער בליץ וועט אייך פאַרברענען
פאַר אייער שלעכטס, וואָס איר האָט דאָ פאַרזייט!
ס'זאָגט דער האַר: כ'וועל אויסהאַקן אין האַגל,
ס'גאַנצע דור, וואָס לעבט,
אין אַ שעה אַן איינציקער
צוברעכן.
ס'זאָגט דער האַר:
אָט ער איז דער פאַרברעכער.

(מיט אַ שרעקלעכן קול)

ער איז שולדיק!!!

ש מ ו א ל

(ציטערט, ס'וואַרפט מיט אים אין כעס)

(דריקט צו און הייבט אויף די פויסטן)

(פלוצים פאַרלייגט ער די הענט מיט געבעט און לייגט דעם פינגער אויף די ליפן)

י ו אָ ש

אַך!!!

(מיט אַ שרעקלעכן געשריי)

ז'ער טאַטע!

(מיט אַן אָפן מויל און געקרייצטע הענט)

(מיט אָפענע אויגן טוט ער זיך אַ וואַקל)

ש מ ו א ל

(כאַפּט אים אין די אָרעמס)

אַ ל ע

(לויפן-אונטער)

ד י ר י כ ט ע ר

(הייבן זיך אויף פון טיש)

ש מ ו א ל

וואו איז ער?

ל ע ר ע ר

פּלומרשט הייסט עס געחלשט.

א פּ ט י י ק ע ר

טאָ וואָס?

ש מ ו א ל

(האָרכט צום יינגלס האַרצן).

דאָ איז ער נישטאָ.

הויך.

שטיל! —

(שושקענדיק).

שטיל.

דאָ איז ער נישטאָ.

(ביים יינגלס ליפּן).

דאָ איז ער נישטאָ.
די אויגן, וואָס קוקן אין מיר.
דו שטאַרב נישט, דו ביסט מאַצאָרס,
דו ביסט רובינשטיין, ביסט יאָאַכים,
דו שטאַרב נישט, דו ביסט טויזנט טויזנטער,
ביסט אַ פּטמון, ביסט מיין אוצר, ביסט פּאַלאַצן, עולם-הבאָ,
ביסט ס'גן-עדן, — לעב.

(האָרכט אויף)

איר הערט? — עס שפּילט דאָס פּידעלע, ס'שפּילט,— זיין פּידעלע שפּילט.

(לייגט אַפּ דעם טויטן אויף דער ערד.)

געשטאָרבן — געשטאָרבן.
דערלויבט איר מיר?

(גייט אין אַלקער).

יאָקעלע

(גייט אין אַלקער, ברענגט אַ לייַלעך און פאַרדעקט דעם טויטן.)

שמואל

(קומט צוריק פון אַלקער, ברענגט די פידל).

(שמייכלט).

(קושט דאָס פידעלע).

(לייגט זי אויף דער ברוסט פון טויטן).

דו שפּיל, דו שפּילער מיינער — שפּיל.

(באַדעקט דעם קאָפּ מיטן טלית.)

(חייזט אויף דעם אורלויבער).

לאָזט אים פריי.

(ווייזט אויף זיך.)

נו יאָ, כ'בין שולדיק אין דעם טויט
און גאָט איז שולדיק מיר.

אומשולדיק בין איך, איר ריכטער מיינע,
און ניין מאָל שולדיק אין דעם פאַרברעך;
די זין די שלעכטע דריקן מיך;
פאַר אייך אַן עלנטער שטייט.
אָט סטעמפלט מיך אַ קינד — אַ זון
פאַר גאָט מיט זינדן-רייד.
אָט שענדט דער צווייטער מיך, מיין בכור,
מיט שרעק-באַגלייט.

ריכטער! דער שטאָלץ פון מיין האַרץ
פון אָט די געדאַנקען געשמידט,
שטייט אויף אנטקייגן מיר!
אַ נביא דערוועקט זיך אין קינדס געמ
מיט הענט אָן פאַרהאַלט צוברעכט ער און שפּאַלט
דאָס בייז. — אַ משפט גיט ער אַרויס.

אָ משפט. שופט, ציילסט אין מ י ר.
א י ך דאַרף עס פאַלן פון דונער-שלאַק,
נאָר פונם האַרטן גורלס האַק
פאַלסט ד ו צושמעטערט אַליין.

דעם טאַטן — געוועזן דיר באַשערט צו פאַרקלאָגן,
שטייסט אויף ווי דוד אין בלענד:
פלינק וועט דיך שאולס שפּיז דעריאָגען;
דאַרפסט פאַלן אין טאַטנס הענט...
דאָס איז אַן אומרעכט געוועזן.

אין מיינע הענט דאָס לעבן ווערט פאַרלאָשן,
דער לאָמפּ אין די הענט ווערט צושפּריצט,
פון שרעקליכן פייער דער בלוטיגער שיין
צוקט העל אין געוויסן און בליצט.

עס זענען די מראות פון פחד און מורא
מיר וואַכעדיק אויפגעקומען.

אבשלום דו מיינער! —
האַר, מיין האַר!
מיר האָסטו ס'קינד מיינס גענומען.
האַר, מיין האַר!
מיין אוצר פֿאַר מיינע פֿיס.

דיינע שבועות: פֿאַלש אָן ווערט.
וואָס האָסטו אונז צוגעשווירן
צו געבן די מאַכט אויף דער ערד?
דו גאָט! — ביסט אונזער געווען!
און שמעטערסט איצטער די נביאים דיינע
און שלאָגסט די זין?
דו גאָט, — וואָס האָסט די פּלשתים געשמעטערט,
פֿאַר אונז דיין משפּט געטאָן,
וואָס האָסט זיך אין וואָלקן געהילט
ביים חורב, ביים סיני - באַרג
אין עמוד - האש זיך געשפּילט,
און אונז אין וועג געשטאַרקט,
דו וואָס האָסט דעם ים געשפּאָלטן
פֿאַר דיר איז געפֿאַלן צו דר'ערד דער מאַן,
וואָס האָט מיט אַ קוואַל פֿונם פֿעלז
די היץ אין דער מדבר געשטילט.
האַר, מיין האַר!
פֿאַר מיין שווערן חטא
פֿאַל איך אין שטויב אויף די קני
און קלאַפּ דעם קאָפּ אָן שוועל.
האַר! ביסט גאָט!
שדי, וואָס דיין איז די מאַכט.
דו וואָס האָסט דיין קנעכט אַברהמען
צו דער עקדה גערופֿן ביים נאָמען,
געגעבן דיין בעפֿעל,
צו שעכטן יצחקן, דעם זון וואָס איז אים האָלד,

קוק אַצינד אַראָפּ אין מיין בית - עולם - שטוב,
וואו דער טויט האָט אויסגעקלאַפּט די שעה
און איבערן קאָפּ פון אַ טאַטן לאָזן הערן
דעם גזר-דין דעם שווערן:
אַז האָסט דעם זון מיר צונעמען געוואָלט.

(מ'הערט אַ גלעקל)

(אין פּאָרהויז)

יינגל

(קלינגט)

פּלאַץ! —

גלח

(קומט אַריין)

פּרידן דעם הויז.

שופט

אויף דורי - דורות.

לערער

פּלומרשט הייסט עס, אָמן.

דאָרפּסלייט

(שטופּן זיך אין פּאָרהויז)

פּייגע

(קומט אַרויס פון קאַמער)

גלח

(גייט אַריין אין קאַמער אויף רעלטס)

(מ'געמט דאָרט אַהין דאָס ליכט)

אַלע

(קניען אַנידער)

(נעמען אַראָפּ די קאַפּעלושן)

בעטלער

(שלעפּט זיך פון פאַרהויז איבער דער שטוב אויף די קניען צו דער טיר פון דער קאַמער)

אַלע

(בלייבן איבער אין דער פינסטער, וואו ס'גלאַנצן אָפּ פון שבתדיקן פענ-סטער די ליכט הינטערן ווייסן פאָרהאַנג)

(פון דער קאַמער-טיר פאַלט א שטרייף ליכטיקייט אויף די קניענדע)

בעטלער

(קלאַפּט זיך אין דער ברוסט און רוקט-איבער דעם קרעלן-קראַנץ)

ווּעסט מיר האַר צוריקגעבן אַלץ, וואָס האָסט גענומען. וואָרן ס'איז געזאָגט געוואָרן: דו ביסט דער, וואָס ביסט געווען און וועסט זיין.